# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

## בשלח

מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון
וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות
אין הארות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com
טלפון: 1347-871-8285

©
**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## פרשת בשלח

שבת שירה - אַן אַנדערע מציאות .......................... א
נבקעו כל מימות שבעולם - אַ שבת בלויז פון ניסים .................... ב
הנני ממטיר לכם לחם מן השמים - די סגולה פון זאָגן פרשת המן .................. ב
די טעם און זאָגן פרשת המן, איז כדי צו געדענקען אַז פרנסה קומט פון הימל............. ג
די השתדלות אויף פרנסה איז נאָר כדי צו פרובן דער מענטש מיט זיין אמונה און בטחון........... ד
פון דער מן האָט מען זיך געלערנט אַז דער וואָס פאַרלאָזט זיך אויפן באַשעפער דערלייגט נישט........ ה
דער צאָרן אויף דתן ואבירם........................................ ו
וצדיק באמונתו יחיה - די אמונה איז דער לעבן פון אַ איד..................... ז
האמנתי כי אדבר - מ'דאַרף כסדר רעדן פון אמונה ......................... ז
תפסו אומנות אבותם - דאַוועגען מיט פאַרזיכערקייט .......................... ט
ויבאו מרתה - אפילו ווען עס זעהט אויס ביטער, דאַרף מען וויסן אַז דער רבש"ע מאַכט זיס .........יב

עימוד שווארץ: schwartz16@bezeqint.net

# בשלח

**שבת שירה - אַן אַנדערע מציאות**

**שבת** פרשת בשלח, ווערט אָנגערופן "שבת שירה".

**עס** ווערט געברענגט אין ספר "רמתים צופים", אַז הרה"ק רבי יצחק'ל וואָרקער זי"ע האָט געפרעגט הרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע, פאַרוואָס ווערט דער שבת אָנגעגערופן "שבת שירה" (עס ווערט שוין גערופן אַזוי אין די פוסקים), און שבת פרשת בא, ווערט נישט אָנגערופן "שבת פסח", אָדער "שבת יציאת מצרים", און אויך שבת פרשת יתרו, ווערט נישט אָנגערופן "שבת קבלת התורה"?

**האָט** דער "חידושי הרי"ם" געענטפערט, די שירה איז דאָך געשריבן אין דער תורה "אריח על גבי לבינה", קומט דאָך אויס אַז דער תורה "שרייט" אויס אַז דעם שבת איז אַן אַנדערער מצב, אַן אַנדערער שבת.

**דער** חידושי הרי"ם האָט עס אויפגעקלערט, ישרא"ל איז ראשי תיבות י"ש ש'שים ר'בוא א'ותיות ל'תורה. יעדער איד האָט אַן אות אין די ספר תורה. דער טינט (דיו) איז די נשמה, און דער קלף איז דער גוף. אין פרשת בשלח, וואו דער קלף איז אַנדערש ווי דער טינט, איז עס מרמז אַז יעדער אידישער גוף ווערט אַנדערש אין שבת שירה.

**דער** "רמתים צופים" לייגט צו: "בעיני ראיתי", איך האָב געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגן, ווי דער "חידושי הרי"ם" זצ"ל האָט געטאַנצען און געשפרינגען שבת שירה ביי קבלת שבת, וואָס מ'האָט נישט געזעהן ביי איהם אַזאַ עבודה אין קיין אַנדערן זמן דורכ'ן יאָהר, און ער האָט געשריגן "שבת שירה, איז אַ שבת וואָס יעדער גוף קען ווערן אַנדערש".[א]

**די** חז"ל זאָגן בנוגע די שווערסטע זאַכן, ווי "קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף", "קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף", "קשין נקביו של אדם כקריעת ים סוף". יעדע זאַך וואָס די גמרא וויל אַרויסברענגען די שוועריגקייט דערפון, זאָגט די גמרא אַז עס איז אַזוי ווי קריעת ים סוף.

**זאָגט** דער רשב"ם, "ונפקא מינה לאפושי ברחמי". עס איז אַ נפקא מינה, אַז מען זאָל מתפלל זיין דערויף. עס איז נישט פשוט, מזונות, אַ זיווג, מען דאַרף בעטן דערויף.

**על** אחת כמה וכמה ווען עס קומט שבת שירה, ווען אַלעם איז "געשפּאָלטן", מען דאַרף נאָר אַריינשפרינגען אינעם מצב, ווי דער מהר"ל זאָגט אַ כוונה אין דעם וואָס די שירה שטייט געשריבן "אריח על גבי לבינה". אַן אריח איז אַ האַלבע לבינה. דער כתב איז דער אריח, און דער ליידיגער טייל, דער חלל, איז דאָפּעלט פונעם געשריבענעם.

**זאָגט** דער מהר"ל אַ מורא'דיג וואָרט. פרשת ויחי איז אַ פרשה סתומה, און רש"י זאָגט (בראשית מז, כח) "למה פרשה זו סתומה, לפי שכיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד". עס איז נישטאָ קיין הפסק צווישן פרשת ויגש און פרשת ויחי, צוליב די צרה פון שעבוד מצרים.

---

**א.** די וועלט זאָגט, אויב אַ ניגון האָט נאָר איין טאָן, איז עס נישט קיין ניגון. יעדער ניגון האָט "עליות" און "ירידות" - אַרויף און אַראָפּ. דער לימוד פון דעם, אַז אַ איד ווייסט אַז ער האָט עליות און ירידות, איז עס אַ בחינה פון "שבת שירה". אַ איד "זינגט" ווען ער ווייסט אַז נאָך יעדע ירידה קען קומען אַן עליה.

קומט אויס, אַז דאָ ביי די שירה, וואו עס זענען דאָ אַזוי פיל הפסקות צווישן די אותיות אינעם כתב ("אריח על גבי לבינה"), איז עס אַ רמז ווי מ'קען פטור ווערן פון אַלע צרות און שעבודים אין דער וואָך ווען מ'לייענט די שירה.

### נבקעו כל מימות שבעולם - אַ שבת בלויז פון ניסים

**דער** ערשטער סאַדיגערער רבי, הרה"ק רבי אברהם יעקב זצ"ל, האָט געזאָגט אַז וועגן דעם הייסט דער שבת, "שבת שירה", ווייל אין דער פרשה לייענען מיר וועגן אַזוי פיל געוואַלדיגע ניסים: א) קריאת ים סוף. ב) פרשת המן. ג) משה האָט אַרויסגעצויגן וואַסער פון דעם שטיין. ד) מלחמת עמלק. עס איז דאָך אַ פרשה בלויז פון ניסים, איז דען אַ וואונדער אַז עס רופט זיך "שבת שירה"?! מען מוז אָבער אַריינגיין אין די ניסים.

**דער** הייליגער שר שלום זי"ע פון בעלז האָט געזאָגט אויף די ווערטער פון די חז"ל, אַז אַלע וואַסערן אין דער וועלט זענען געשפּאָלטן געוואָרן אין דער צייט ווען דער ים סוף האָט זיך געשפּאָלטן. פרעגט דער שר שלום, פאַרוואָס האָט אויסגעפעהלט אַזאַ נס, אַז אלע וואַסערן איבער דער גאָרער וועלט זאָלן זיך שפּאַלטן? מיר ווייסן דאָך, "לא עביד קודשא בריך הוא ניסא למיגנא", דער אויבערשטער מאַכט נישט אַ נס אומזיסט, וואָס איז געווען דער תכלית דערפון?

**זאָגט** דער בעלזער רב, די צרות און יסורים ווערן אָנגערופן "מים" - וואַסער, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים סט, ב) "הושיעני אלקים כי באו מים עד נפש". זענען די חז"ל מרמז, אַז ביי קריעת ים סוף "נבקעו כל מימות שבעולם", בשעת קריעת ים סוף זענען שוין געשפּאָלטן געוואָרן אַלע צרות פון דער וועלט, עס זענען מער נישט געווען קיין צרות ויסורים אויף דער וועלט[ב].

**אויף** דעם אויבן דערמאַנטן מדרש "מכאן לתחיית המתים מן התורה", האָט געזאָגט דער וויזניצער רבי, הרה"ק בעל "אמרי חיים" זצ"ל, אַז דער גרעסטער "מת" ברוחניות ח"ו קען האָבן תחיית המתים אין שבת שירה.[ג]

### הנני ממטיר לכם לחם מן השמים - די סגולה פון זאָגן פרשת המן

**עס** איז אַ סגולה אויף פרנסה, צו זאָגן פרשת המן דינסטאָג פרשת בשלח.

**באמת** איז עס מסוגל יעדן טאָג פון יאָהר, ווי דער רבינו בחיי שרייבט אין דער היינטיגער סדרה (טז, טז): "וקבלה ביד חכמים, כי כל האומר פרשת המן בכל יום, מובטח לו שלא יבוא לעולם לידי חסרון מזונות". עס איז מקובל ביי די חכמים, אַז דער וואָס זאָגט פרשת המן יעדן טאָג, איז פאַרזיכערט אַז עס וועט איהם קיינמאָהל נישט פעלן שפייז.

**ענליך** ברענגט דער תשב"ץ (סימן רנו) אין נאָמען פון ירושלמי (מסכת ברכות) "כל האומר פרשת המן בכל יום, מובטח לו שלא יתמעטו מזונותיו, ואני ערב", דער וואָס זאָגט יעדן טאָג פרשת המן, איז פאַרזיכערט אַז עס וועט איהם נישט פעלן קיין שפייז, און איך האַפט דערויף.

---

**ב.** דער גערער רבי, הרה"ק בעל אמרי אמת זצ"ל, האָט געזאָגט אַ רמז אויף דעם וואָס די שירה איז געשריבן געוואָרן "אריח על גבי לבינה" די חלק איז טאָפעלט פון די כתב, אונז צו לערנען, אַז "יותר ממה שכתוב לפניכם כתוב כאן". אויב מען מיינט אַז דאָ האָט זיך געשפּאָלטן דער ים, זאָל מען ווויסן אַז דער "חלק" - דאָס וואָס עס שטייט נישט אַרויסגעשריבן - איז אַ סאַך מער ווי דאָס וואָס ס'איז יאָ אַרויסגעשריבן אין פסוק.

**ג.** אויך האָט דער "אמרי חיים" געזאָגט, וועגן דעם וואָס אידן ווינטשן שטענדיג אַז אַלעס זאָל צוגיין

**די טעם און זאָגן פרשת המן, איז כדי צו געדענקען אַז פרנסה קומט פון הימל**

**אויך** דער מחבר (או"ח סי' א', ס"ה) שרייבט, "טוב לומר פרשת עקידה ופרשת המן". עס איז גוט צו זאָגן יעדן טאָג די פרשה פון עקידה, און די פרשה פון מן. שרייבט אויף דעם דער ט"ז (סק"ד) וואָס איז דער ענין צו זאָגן פרשת המן יעדן טאָג? "לזכור שכל מזונותיו באין מלמעלה", אַז דער מענטש זאָל געדענקען אַז די גאַנצע פרנסה קומט פון אויבן, פון דעם אויבערשטען.

**דער** "משנה ברורה" (סקי"ג) איז מוסיף אויף די ווערטער פון ט"ז, ווייל מיר זאָגן דאָך אין פרשת המן (טז, יח) "ולא העדיף המרבה והממעיט לא החסיר", דער וואָס האָט געמערט צו קלויבן, האָט נישט פאַרמאָגט מער, און דער וואָס האָט ווייניג געקליבן האָט איהם גאָרנישט געפעהלט. דאָס ווייזט, אַז די "ריבוי השתדלות לא יועיל מאומה" - עס העלפט נישט פאַר'ן מענטש דאָס וואָס ער איז זיך מער משתדל אויף זיין פרנסה[ד].

**דער** "שבט מוסר" שרייבט (פרק מ') אין נאָמען פון מקובלים, אַז באמת דאַרף מען יעדן טאָג זאָגן פרשת המן "שנים מקרא ואחד תרגום".

**דער** פסוק זאָגט ביים אָנהויב פון פרשת המן (טז, ד) "הנני ממטיר לכם לחם מן השמים". דער באַשעפער זאָגט צו די אידן, איך וועל מאַכן רעגענען פאַר אייך ברויט פון הימל. פאַרוואָס זאָגט דער פסוק אַ לשון "ממטיר" - רעגן? נאָר עס קומט אונז צו לערנען, אַז פונקט ווי ביי רעגן קען דער מענטש גאָרנישט טוהן אַז עס זאָל אַראָפּקומען שטאַרקער אָדער שוואַכער, אַזוי אויך איז דער "לחם" - די פרנסה פון דער מענטש, געוואָנדען פון הימל, און דיין השתדלות וועט גאָרנישט ענדערן אַז דו זאָלסט האָבן מער אָדער ווייניגער.

**דאָס** איז דער טעם פאַר דעם וואָס דער "מגן אברהם" ברענגט (סימן שכ"ד, סק"ז) יש נוהגין, עס זענען דאָ וואס פירן זיך שבת שירה צו לייגן ברויט פאַר די פייגל.

די וועלט זאָגט אַ ווערטל, אַז פונקט ווי דער פויגל, ווען ער עסט, בייגט ער אַראָפּ דעם קאָפּ און הייבט עס אויף, דערנאָך בייגט ער נאָך אַמאָהל אַראָפּ דעם קאָפּ צו עסן, און ווידער הייבט ער עס, אַזוי דאַרף אַ איד "אויפהייבן דעם קאָפּ", אַפילו ווען ער מאַכט השתדלות, און ער זעהט תוצאות און האָט צו עסן דערפון, דאַרף ער וויסן אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, ווי די חז"ל זאָגן (ר"ה כט.) "מסתכלין כלפי מעלה" - מ'זאָל אַרויפקוקן צום הימל.

**דער** "ישמח ישראל" שרייבט אויף דעם ענין וואָס די משנה זאָגט (ר"ה ב.) אַז חמשה עשר בשבט ווערט אָנגערופן ראש השנה פאַר די ביימער. און די גמרא דאָרט (דף טו.) זאָגט אַז די חנטה - די אויפשפראָצונג - פונעם בוים איז חמשה עשר בשבט.

**זאָגט** דער "ישמח ישראל", ווען דער בוים הייבט אָן שפראָצן, קען דער בעל הבית טראַכטן ביי זיך, "מעשי ידי להתפאר", זעה נאָר ווי שיין עס שפראָצט מיין בוים. אויף דעם זאָגט מען איהם: עס איז אַ "ראש השנה'דיגע זאַך", עס איז אָנגעשריבן פון הימל אַז דער בוים זאָל שפראָצן שיין, עס איז

---

"כשורה", אַז דאָס איז מרמז "כשירה", אַזוי ווי די שירה, וואס איז געוועזן "אריח על גבי לבינה", וואָס איז מרמז אַז מען קען אַרויסגיין פון יעדן פראָבלעם.

**ד.** אַוודאי איז השתדלות אַ תנאי וואָס מען דאַרף מאַכן, אָבער אויב מען קען צוליב דעם פאַרפעלן ח"ו תפילה בציבור, אָדער רעדן אינמיטן דאַווענען חלילה וועגן זיין השתדלות פאַר פרנסה, וועט ער גאָרנישט אויפטוהן.

נישט פון דיין אייגענעם כח. עס האָט גאָרנישט צו טוהן מיט דיר"!

**די השתדלות אויף פרנסה איז נאָר כדי צו פרובן דער מענטש מיט זיין אמונה און בטחון**

**דער** הייליגער רבי ר' מענדעלע פון רימנוב זי"ע האָט געזאָגט אויף דעם פסוק "הנני ממטיר לכם לחם מן השמים". אַז מען פרעגט אַ מענטש צי ער האָט אמונה, וועט ער ענטפערן, "יאָ, אַוודאי גלייב איך", מיר זענען דאָך אידן "מאמינים בני מאמינים", אָבער אויב מען פרעגט איהם אויב ער האָט בטחון, ענטפערט ער: "הלוואי!".

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק: "הנני ממטיר לכם לחם מן השמים" - איך קען דיר געבן פרנסה אויף איינמאָהל, אויפ'ן גאַנצן לעבן, ווי אַ "טשעק",

---

**ה.** דער בענדינער רב, הגאון רבי חנוך צבי לעווין זצ"ל, איז געווען אַן איידים פון גערער רבי'ן, הרה"ק בעל "שפת אמת" זצ"ל. אַמאָהל האָט די רעביצין פון בענדינער רב זיך באַקלאָגט פאַר איר פאָטער, דעם "שפת אמת", אַז דער מצב הפרנסה איז ענג, ווייל איר מאַן פיהרט זיך ברחבות... האָט דער "שפת אמת" איר געזאָגט:

- דער מצב הפרנסה אין שטוב איז ענג ווייל אַזוי האָט מען אין הימל אָנגעשריבן אין ראש השנה, טאָ דאַנק דעם אויבערשטען אַז דיין מאַן פיהרט זיך ברחבות, ווייל אויב ער וואָלט זיך נישט געפיהרט ברייט, וואָלט די ענגשאַפט געקומען מחמת נישט אָנגענעמע סיבות רח"ל.

איינער פון די תלמידים אין דער ישיבה פונעם "חפץ חיים" זצ"ל אין ראַדין, האָט אָפּגעוואָרפן אַ פאָרשלאַג וועגן אַ געוויסן שידוך, ווייל ער האָט געפאָדערט פינף יאָהר "קעסט", און דער פאָטער פון דער מדוברת האָט זיך נישט געוואָלט מתחייב זיין דערויף.

ווען דער "חפץ חיים" האָט געהערט דערפון, האָט ער איהם אַריינגערופן און געפרעגט פאַרוואָס ער איז נישט מסכים צום שידוך. האָט דער בחור געענטפערט, אַז ער פאַרלאַנגט פינף יאָהר "קעסט", כדי ער זאָל קענען לערנען רוהיג פינף יאָהר נאָך דער חתונה, און יענער איד וויל זיך נישט מתחייב זיין אויף פינף יאָהר "קעסט". פרעגט איהם דער "חפץ חיים":

- וויפיל יאָהר, מיינסטו, וועסטו לעבן?

האָט זיך דער בחור דעשראָקען און געענטפערט, אַז ער האָפט צו לעבן לכל הפחות נאָך פופציג יאָהר (ער איז שוין געווען צוואַנציג יאָהר אַלט), ביז די זיבעציג יאָהר אָדער אכציג יאָהר, ווי עס שטייט ימי שנותינו בהם שבעים שנה ואם בגבורות שמונים שנה. פרעגט איהם דער "חפץ חיים":

- און וואָס וועט זיין מיט די אַנדערע 45 יאָהר?! (ער זאָרגט זיך דאָך נאָר אויף קעסט פאַר פינף יאָהר).

האָט דער בחור געענטפערט:

- אויף שפעטער, דאַרף איך דען דאגה'ן? דער באַשעפער וועט מיר העלפן!

זאָגט איהם דער "חפץ חיים":

- אויף די אַנדערע 45 יאָהר ביזטו זיכער אַז דער אויבערשטער וועט דיר העלפן, נאָר אויף די פינף יאָהר ביזטו פאַר'דאגה'ט?!

און דער "חפץ חיים" האָט צוגעגעבן:

- ווייסטו ווער עס האָט זיך אַזוי געמאַכט אַ חשבון? דתן ואבירם, ביי די פרשה פון מן, ווי דער פסוק דערציילט אַז זיי האָבן אַוועקגעלייגט פון מן אויף צומאָרגענס, מורא האָבענדיג אַז מאָרגן וועלן זיי נישט האָבן וואָס צו עסן. און וואָס וועט זיין איבערמאָרגן? און וואָס וועט זיין קומענדיגע וואָך?! אויף דעם פאַרלאָזן זיי זיך יאָ אויפ'ן אויבערשטען, און אויף דעם מאָרגענדיגן טאָג - נישט... ביזטו דאָך ענליך צו זיי.

אַז דו זאָלסט האָבן פּרנסה, און זאָלסט זיין רוהיג. איי, אויב אַזוי, פאַרוואָס "ויצא העם ולקטו דבר יום ביומו?" - פאַרוואָס דאַרף מען יעדן טאָג פונדאָסניי זיך מוטשען אויף פּרנסה? איז דער תירוץ: "למען אנסנו" - כדי אויסצופּרובן דעם מענטש, ווען ער מאַכט זיין השתדלות וואָס ער איז מחויב צו טוהן, צו ער וועט זעהן אַז אַלעס איז פון אויבן, און זיך שטאַרקן אין זיין אמונה, "הילך בתורתי" - וואָס די אמונה דאָס איז כל התורה כולה.

**ענליך** האָט געטייטשט הרה"ק רבי מרדכי לעכאוויטשער זי"ע, דעם דערמאַנטן פּסוק, בדרך צחות: "הילך בתורתי", לאָמיר זעהן צי דער מענטש גייט אין די וועגן פון דער תורה, "אם לא" - דעמאָלס ווען זיין מצב איז "נישט" ("לא") אַזוי פויגלדיג...

**פון דער מן האָט מען זיך געלערנט אַז דער וואָס פאַרלאָזט זיך אויפן באַשעפער דערלייגט נישט**

**דער** רבינו בחיי זאָגט, אַז דער מן האָט אָנגעהויבן צו פאַלן ט"ז אייר, און וויינינגער פון אַ חודש שפּעטער איז געווען מתן תורה, ו' סיון. קומט אויס אַז דער מן איז געווען אַ הכנה צו קבלת התורה, ווייל דער תכלית פון קבלת התורה איז צו גלייבן אין השגחה פּרטית, דערפאַר איז דער מן געווען אַ הכנה צו קבלת התורה, ווייל ביים מן האָט דאָך יעדער געזעהן השגחתו יתברך שמו.

**זאָגט** דער רבינו בחיי, אַז וועגן דעם האָט דער אויבערשטער אַראָפּגעלאָזט דעם מן ביינאַכט. ווי די גמרא פאַרציילט אַז די צדיקים האָבן אינדערפרי געטראָפן דעם מן ביי זייער טיר, אָן קיין שום טירחא, ווייל דער באַשעפער האָט געוואָלט ווייזן, אַז דער וואָס גייט אין די וועגן פון דעם אויבערשטען, באַקומט זיין פּרנסה גלייך ביי זיין טיר.

**מיט** דעם טייטשט דער רבינו בחיי אין דער היינטיגער פּרשה (טז, ד), דעם פּסוק אין תהלים (קכז, ב) "שוא לכם משכימי קום מאחרי שבת, אוכלי לחם העצבים, כן יתן לידידו שינה". עס איז אַ פאַלשע איינרעדעניש צו טראַכטן אַז "משכימי קום, מאחרי שבת, אוכלי לחם העצבים", אַז אויב דער מענטש וועט אויפשטיין פון אינדערפרי ("משכימי קום") ביז שפּעט ביינאַכט ("מאחרי שבת") צו אַרבעטן פאַר פּרנסה, וועלן זיי זיין "אוכלי לחם העצבים", זיי וועלן האָבן ברויט צו עסן. דאָס איז אַ טעות, פאַרוואָס? ווייל "כן יתן לידידו", דער אויבערשטער גיט פּרנסה פאַר זיינע ידידים, פאַר די צדיקים, "שינה" - אויך אינמיטן שלאָפן, ווי מיר זעהען ביים מן, אַז די צדיקים האָבן יעדן אינדערפרי געטראָפן מן ביי זייער טיר.

---

**ו.** דער הייליגער "תולדות יעקב יוסף" זי"ע איז אַמאָהל געפאָרן צוזאַמען מיט הרה"ק רבי נחמן האָראָדענקער זי"ע צום בעל שם טוב הקדוש זי"ע אויף שבת. זיי זענען אַרויסגעפאָהרן פרייטאָג צופרי, כדי אָנצוקומען מיטאָג צייט, ווייל זיי האָבן מדקדק געווען אויף תוספת שבת, און דערפאַר האָבן זיי געדונגען אַ בעל עגלה מיט אַ גוטן וואָגן.

אויפ'ן וועג איז געווען אַ שטאַרקער "טראַפיק", צוליב דעם וואָס דאָרט איז דאַן פאַרגעקומען אַ מאַרק טאָג, און עס זענען געשטאַנען הונדערטער וועגענער. דער בעל עגלה האָט אָבער באַוויזן אויסצוקרויזן און דורכפאָהרן אַלע אַנדערע וועגענער און אַזוי זיך פאַראויסרוקן. ער האָט זיך אָבער אָפּגעשטעלט אונטער אַ וואָגן אויף וועלכן עס איז געפאָרן אַ שר פון דער מלוכה, ווייל אויב מ'כאַפּט אויס דעם וואָגן פונעם שר, ווערט מען באַשטראָפט מיט אַ האַרבע שטראָף ל"ע.

דער "תולדות" איז געוואָרן שטאַרק אומרואיג, ווער ווייסט וואָס עס וועט זיין מיט אונזער תוספת שבת, און דאָ קענען מיר זיך נישט רורן, ווייל מיר שטיין דאָ אונטער דער וואָגן פונעם שר...

האָט רבי נחמן האָראָדענקער געזאָגט צום "תולדות":

**דער צאָרן אויף דתן ואבירם**

**אויף** דעם ענין, שטייט אויך אין ספר "משך חכמה", אויפ'ן פסוק (טז, כ) "וירם תולעים ויבאש, ויקצוף עליהם משה". דער מן (פון דתן ואבירם) איז געוואָרן פול מיט ווערים און איז געוואָרן פאַרפוילט, און משה האָט געצאָרנט אויף זיי.

**איז** שווער, פאַרוואָס האָט משה זיך אויפגערעגט? עס איז דאָך אַרויס געקומען אַ קידוש השם, אַז אַלע אידן האָבן געזעהן אַז ווייל דתן ואבירם האָבן נישט געגלייבט און זיי האָבן באַהאַלטן פון זייער מן אויפ'ן מאָרגענדיגן טאָג, איז זייער מן געוואָרן פאַרפוילט און פול מיט ווערים?

**זאָגט** דער "משך חכמה", אַז די אידן האָבן יעדן טאָג געהאַט אַ שווערן נסיון אין אמונה. זיי האָבן געהאַט מן, און האָבן עס געוואָלט איבערלאָזן אויף מאָרגן, אָבער משה רבינו האָט נישט געלאָזט איבערלאָזן אויף מאָרגן. מען דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען. אָבער איצט, אַז עס האָט פאַסירט דער נס און דער מן איז געוואָרן פאַרפוילט און פול מיט ווערים, האָבן דאָך די אידן מער נישט געהאַט אַ נסיון אין אמונה, ווייל זיי האָבן דאָך

- כל ימי האָב איך געאַרבעט צו אַנערקענען און גלייבן, אַז אין יעדן פּראָבלעם איז באַהאַלטן די ישועה. נישט אַז ס'איז "לטובה", נאָר דאָס גופא איז די טובה!

האָט דער "תולדות" געזאָגט צו רבי נחמן האָראָדענקער:

- לו יהי כדבריך, אדרבה, לאָמיר זעהן צו דאָס וואָס דעם שר'ס וואָגן פאַרשטעלט אונז יעצט דעם וועג, איז די טובה אַליין!

באַלד דערנאָך, האָבן די אַנדערע הונדערטער בעלי עגלה, זעהענדיג אַז דער שר זיצט אין אַ וואָגן און וואַרט דורכצופאָהרן, באַלד אָפּגערוקט זייערע וועגענער אין אַ זייט, און דער וואָגן פונעם שר איז דורכגעפאָהרן, און באַלד דערנאָך איז געפאָהרן דער וואָגן אין וועלכן עס זענען געזעסן דער "תולדות" און רבי נחמן האָראָדענקער... אָנקומענדיג אין שטאָט האָט דער וואָגן פונעם שר זיך געדרייט אויף לינקס, און זייער וואָגן איז געפאָרן רעכטס...

דאַן האָט דער "תולדות" פאַרשטאַנען וואָס רבי נחמן האָט געזאָגט, אַז דייקא דאָ, אין דעם וואָגן פונעם שר, איז באַהאַלטן זייער ישועה, אַז זיי זאָלן קענען אָנקומען צום בעל שם טוב הק' נאָך פאַר דעם זמן פון תוספת שבת. אויב דעם שר'ס וואָגן וואָלט נישט געשטאַנען פאַר זיי, וואָלטן זיי זיך געמוזט אָפּשטעלן ערגיץ אונטערוועגנ'ס, ווייל עס וואָלט אונטערגעקומען דעם זמן פון שבת.

ווען דער רבי ר' אלימלך זי"ע און זיין ברודער דער רבי ר' זושא זי"ע זענען געגאַנגען אין גלות, זענען זיי אַמאָהל אַרעסטירט געוואָרן צוליב אַ בלבול, און מ'האָט זיי אַריינגעזעצט אין אַ ביה"כ. האָט דער רבי ר' אלימלך זי"ע געוויינט פון צער, און אויף די פראַגע פונעם רבי'ן ר' זושא פאַרוואָס ער וויינט, האָט דער רבי ר' אלימלך געענטפערט: "מ'טאָר דאָך אַפילו נישט זאָגן דאָ אַ דבר שבקדושה!".

האָט דער רבי ר' זושא געזאָגט: "דער אויבערשטער האָט עס דאָך געמאַכט, דעריבער איז עס אַוודאי גוט, מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו" - און ער האָט אָנגעכאַפּט דעם רבי'ן ר' אלימלך, און אָנגעהויבן טאַנצן מיט איהם דאָרט אינעם ביה"כ אַרום דעם בענקל פונעם ביה"כ, פון גרויס שמחה, אַז כאָטש מ'טאָר נישט זאָגן אַ דבר שבקדושה, אָבער דער רבונו של עולם האָט דאָך אַזוי געפירט און דאָס איז די רצון ה'...

ווען דער שומר פון די טורמע האָט געזעהן ווי זיי טאַנצן, האָט ער געפרעגט "לשמחה מה זו עושה?", אָבער זיי האָבן נישט געענטפערט. אַזוי האָט ער געפרעגט עטליכע מאָהל, ביז ער האָט זיך געכאַפּט אַז זיי פרייען זיך מיט דעם בענקל פונעם ביה"כ, האָט ער אַרויסגעשטעלט אינדרויסן דאָס בענקל...

געזעהן דעם יד ה', ווענן דעם איז משה רבינו געוואָרן אויפגערעגט אויף זיי, פאַרוואָס זיי האָבן אַוועקגענומען דעם נסיון אמונה פון אידישע קינדער, ווייל אַלע אידן האָבן שוין געזען דעם יד ה' און געגלויבט אין באַשעפער.ז

**וצדיק באמונתו יחיה - די אמונה איז דער לעבן פון אַ איד**

**הרה"ק** רבי יחזקאל'ע קוזמירער זי"ע האָט געטייטשט דעם פסוק (טו, א) "אז ישיר משה ובני ישראל", און ווי חז"ל זאָגן (סנהדרין צא:) "מכאן רמז לתחיית המתים מן התורה". דאָ איז מרומז דער ענין פון תחיית המתים אין דער תורה.

**איז** די כוונה דערפון, ווייל דאָס גאַנצע לעבן פון אַ איד איז מיט אמונה, ווי דער פסוק זאָגט (חבקוק ב, ד) "וצדיק באמונתו יחיה", [ווען נישט דער אמונה וואָס מען מען דאַרף גלייבן, קען מען גלייך אַרויפגיין אויבן]. ביי קריעת ים סוף, ווען אַלע אידן האָבן געזעהן די אָפענע נסים, "וירא ישראל את היד הגדולה וגו' ויראו העם את ה'", איז דאָך נישט געווען מער וואָס צו גלייבן, ווייל זיי האָבן דאָך געזעהן אָפענע ניסים, אויב אַזוי, פון וואַנעט וועלן זיי נעמען לעבן? אויף דעם זאָגט די גמרא: "מכאן רמז לתחיית המתים מן התורה". עס איז שוין דאָ אויף וואָס צו גלייבן, אויף תחיית המתים, און אַזוי וועלן זיי בלייבן לעבן - "וצדיק באמונתו יחיה".

**הרה"ק** רבי מרדכי לעכאוויטשער זי"ע האָט געטייטשט דעם פסוק (יז, יב) "ויהי ידיו אמונה עד בוא השמש", פונקט ווי אַ מענטש טוט מיט זיינע הענט וואָס ער וויל, אַזוי אויך קען ער מיט אמונה טוהן וואָס עס גלוסט זיך איהם. אויב ער האָט אמונה, קען ער משדד זיין די מערכות הטבע.

**האמנתי כי אדבר - מ'דאַרף כסדר רעדן פון אמונה**

**אויפ'ן** פסוק (יז, יא) "והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל וכאשר יניח ידו וגבר עמלק", ווען משה רבינו האָט געהויבן זיין האַנט, האָבן די אידן געוואונען, און ווער ער האָט אַראָפּגענידערט זיין האַנט האָבן די עמלקים זיך געשטאַרקט איבער די אידן, ווערט געברענגט, אַז לויט'ן דקדוק הלשון וואָלט דער פסוק געדאַרפט זאָגן "וכאשר ישפיל משה ידו וגבר עמלק". (ווייל דאָס פאַרקערטע פון "ירים"

---

**ז.** ענליך האָט געזאָגט דער הייליגער ריזונער זי"ע (מובא בספר כנסת ישראל), אויף דעם פסוק ווען יצחק אבינו איז געבוירען געוואָרן (בראשית כא, ו), "צחוק עשה לי אלקים, כל השומע יצחק לי". דער אויבערשטער האָט מיר געמאַכט אַ געלעכטער, איך זאָל זיך פרייען, יעדער איינער וואָס הערט וועגן דעם, וועט לאַכן פון מיר. זאָגן די חז"ל אין מדרש (ב"ר פנ"ג, ח) "רב שחוק בעולם, הרבה עקרות נפקדו עמה". אַ סאַך עקרות זענען געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער, ווען שרה איז געהאָלפן געוואָרן מיט איר ישועה.

האָט דער ריזונער געפרעגט, יענע עקרות זענען דאָך אַלע געווען גוי'טעס, און די קינדער וואָס זענען געבוירן געוואָרן זענען געווען גוים. אַלזאָ וואָס איז דאָ געווען אַזאַ גרויסע שמחה?

האָט דער ריזונער געענטפערט, אַז ווען עס איז געבוירן געוואָרן אַ בן זכר ביי אברהם אבינו ע"ה צו 100 יאָהר, און ביי שרה צו 90 יאָהר, איז דאָך בטל געוואָרן דער נסיון פון אמונה, און די בחירה פון די מענטשן, ווייל יעדער האָט געזעהן אַז דער אויבערשטער פירט די וועלט און באַווייזט צו זיינע געטרייער אַזעלכע גרויסע ניסים. אויב אַזוי, איז דאָך ח"ו נישטאָ קיין סיבה אויף וואָס צו לעבן, אָן אמונה. אויף דעם האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַ נס, אַז אַ סאַך עקרות זענען נפקד געוואָרן צוזאַמען מיט שרה, ממילא איז געווען אַ נסיון אין אמונה, און די בחירה איז איבערגעבליבן ביי די מענטשן, וועגן דעם איז געווען אַזאַ גרויסע שמחה - "כל השומע יצחק לי" - ווייל אַז עס איז דאָ אַ נסיון פון אמונה, איז דאָ אויף וואָס צו לעבן אויף דער וועלט.

- אויפהייבן, איז "ישפיל", אַראָפּנידערן), פאַרוואָס זאָגט דער פסוק "וכאשר יניח" אַראָפּלייגן?

**איז** דער תירוץ, ווייל מען דאַרף כסדר רעדן פון אמונה[ח]. אויב מען וועט נישט רעדן וועגן אמונה, וועט ממילא זיין "ישפיל משה ידו". אויב עס וועט זיין "יניח" דו וועסט אויפהערן צו רעדן פון אמונה, וועט אויטאָמאַטיש זיין "וגבר עמלק", די לב טיפש ונשחת וועט תולה זיין אַלעס אין דער אשר קרך פון מקרה ח"ו. אַפילו מען וועט נישט מאַכן קיין שום פעולה פון ישפיל, פון אַראָפּנידערן די האַנט, וועט עס ממילא ווערן אַראָפּגענידערט, אויב וועט מען זיך נישט כסדר חזר'ן די אמונה.

**אָבער** אַזוי אויך דאַרף מען טוהן למעשה, ווי דער "יסוד העבודה" טייטשט דעם פסוק (תהלים קיא, י) "שכל טוב לכל עושיהם", מען דאַרף כסדר רעדן גוטע ווערטער פון אמונה, אָבער עס איז נישט געגוג נאָר מיט'ן שכל, מיטן זיך מתבונן זיין אין דעם, נאָר "לכל עושיהם", מען דאַרף עס אויספירן למעשה.[ט]

**דער** "חתם סופר" זצ"ל שרייבט אין "תורת משה" (פרשת שמות) אויפ'ן פסוק (שמות ז, יב) "ויבלע מטה אהרן את מטותם", אהרן'ס שטעקן האָט איינגעשלונגען די שטעקענס פון די מצריים. פריהער האָט אהרן געוואָרפן זיין שטעקן, און עס איז געוואָרן אַ שלאַנג. די מכשפים פון מצרים האָבן עס נאָכגעטוהן, זיי האָבן אויך געוואָרפן זייערע שטעקענס און זיי זענען געוואָרן שלענג, און דערנאָך האָט אהרן הכהן'ס שטעקן איינגעשלונגען זייערע שטעקנס.

**זאָגט** די גמרא (שבת צז.) "נס בתוך נס". עס איז געווען אַ נס אין אַ נס, ווייל צוערשט איז אהרן'ס שלאַנג צוריק געוואָרן אַ שטעקן, און דערנאָך זייערע שלענג, און ערשט שפּעטער האָט אהרן'ס שטעקן איינגעשלונגען זייערע שטעקענס.

**פרעגט** דער "חתם סופר": פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַז אהרן'ס שטעקן זאָל ווערן אַ שלאַנג, און צוריק ווערן אַ שטעקן, און איינשלינגען זייערע שטעקענס.

---

**ח.** מיר האָבן שוין כמה פעמים נאָכגעזאָגט פון הרה"ק בעל "בית אברהם" זצ"ל פון סלאָנים, אויפ'ן פסוק (תהלים קטז, י) "האמנתי כי אדבר", איך וועל באַקומען אמונה, אויב איך וועל רעדן פון אמונה.

**ט.** די הייליגע רבי ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק האָט אַמאָהל געזאָגט פאַר זיינע תלמידים, אַז יעדע זאַך איז בהשגחה פרטית. נישט נאָר דאָס וואָס אַ מענטש טוט צו דיר איז פון הימל, נאָר אַפילו דאָס מיסט (גלל) וואָס די בהמה גיט אַרויס פון איר קערפּער, איז אויך בהשגחה פרטית וואו דאָס מיסט זאָל פאַלן.

די ווערטער פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע זענען געווען אַ גרויסער וואונדער ביי איינעם פון די תלמידים: ווי איז שייך צו זאָגן, אַז אויך דאָס אָרט וואו די גללים פון אַ בהמה זאָלן פאַלן, איז בהשגחה פרטית?

אַ טאָג שפּעטער, איז יענער תלמיד געגאַנגען אויפ'ן שניי, און ער האָט זיך אויסגעגליטשט און איז געפאַלן אין אַ נידריקן טאָל, נאָר אַ בולקע האָט אים פאַרשטעלט, און ער האָט זיך אינדעם אָנגעכאַפּט זיך אַרויסצוציהן און זיך געראַטעוועט זיין לעבן. שפּעטער האָט ער געזעהן, אַז די בולקע איז גאָר געווען אַ גלל פון אַ בהמה וואָס איז פאַרגליווערט געוואָרן אינעם שניי...

שפּעטער, ווען דער תלמיד איז נאָך אַמאָהל געווען ביים רבי'ן ר' אלימלך, האָט דער רבי ר' אלימלך איהם געזאָגט:

- נו, האָב איך אייך געזאָגט אַז עס איז דאָ אַ השגחה פרטית אויך אויף גללים?

פאַרוואָס האָט אהרן'ס שטעקן נישט באַלד איינגעשלונגען זייערע שטעקנס?

**ענטפערט** דער "חתם סופר", וויל מיר געפינען אין יחזקאל (כט, ג) אַז פרעה האָט זיך אַליין גערופן "התנים הגדול", דער גרויסער שלאַנג. האָט דער אויבערשטער געוואָלט וויזן צו די אידן, איר מיינט אַז איר האָט צוטוהן מיט אַ שלאַנג, ער איז בכלל נישט אַ שלאַנג, ער איז נאָר דעם אויבערשטען'ס אַ שטעקן. דערפאַר האָט עס געדאַרפט ווערן אַ שלאַנג, און דערנאָך פון אַ שלאַנג צוריק אַ שטעקן, צו וויזן אַז פרעה איז נישט אַ שלאַנג, נאָר אַ שטעקן פון דעם רבונו של עולם.

### תפסו אומנות אבותם - דאַווענען מיט פאַרזיכערקייט

**דער** רבינו יונה שרייבט (ברכות ו. מדפי הרי"ף) אויף די ווערטער פון דער גמרא (ברכות ד:) איזהו בן עולם הבא, זה הסומך גאולה לתפלה. ווער איז אַ בן עולם הבא? דער וואָס דאַווענט שמונה עשרה באַלד נאָך "גאל ישראל" (זעה דאָרט רש"י און תוספות, וואָס ברענגען טעמים דערפאַר).

**אין** זיין צווייטן פשט, שרייבט רבינו יונה, עס זענען דאָ מענטשן וואָס דאַווענען, וויל זיי האָבן נאָך נישט געדאַווענט, אָדער עס איז ביי איהם ווי אַן "אומנות אבותיו", זיין טאַטע האָט געדאַווענט, דאַווענט ער אויך. דער באַשעפער זאָגט צו אַזאַ איינער מוחל טובות, איך דאַרף נישט האָבן דיין תפלה.

**ברענגט** דער רבינו יונה פון מדרש (פ' בא, כג, ב) אַז ווען די אידן האָבן געזעהן די נסים ונפלאות וואָס דער באַשעפער האָט געטוהן מיט זיי נישט לויט'ן דרך הטבע פון דער וועלט, האָבן זיי געהאַט בטחון אין באַשעפער, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יד, לא) "וירא ישראל את היד הגדולה אשר עשה ה' במצרים, וייראו העם את ה' ויאמינו בה' ובמשה עבדו".

**דעריבער** ווען אַ איד דערמאַנט די גאולה וואָס אונזערע אבות זענען אויסגעלייזט געוואָרן פון שעבוד מצרים, וויל זיי האָבן געהאַט בטחון אין דעם אויבערשטען, און באַלד דערנאָך דאַווענט ער שמונה עשרה, ווייזט ער דאָך מיט דעם אַז אויך ער האָט בטחון אין דעם באַשעפער אַז ער וועט ענטפערן זיין תפלה, ווי ער האָט געענטפערט די אידישע תפלות אין מצרים. ער ווייסט אַז דאָ איז מיין אַדרעס, דאָס איז מיין לעבן, דאָ קען איך אויסגיסן מיין האַרץ, וויל דאס איז מיין פלאַץ ווי איך קען אַלעם פועל'ן.

**פירט** אויס דער רבינו יונה: "והבטחון הוא עיקר היראה והאמונה, ולפיכך זוכה בסיבתו לחיי העולם הבא". דער בטחון איז דאָך דער עיקר יסוד פון יראת שמים און פון אמונה אין דעם באַשעפער, און דערפאַר איז מען דורכדעם זוכה צו עולם הבא.

**אַזוי** טייטשן די ספרים דעם פסוק (תהלים קכג, ב) "הנה כעיני עבדים אל יד אדוניהם, כעיני שפחה אל יד גבירתה, כן עינינו אל ה' אלקינו עד שיחנינו". אַזוי ווי די אויגן פון די קנעכט צו זייער האַר, אַזוי ווי די אויגן פון די דינסט צו איר האַרין, אַזוי זענען אונזערע אויגן געוואָנדן צו אונזער באַשעפער ביז ער וועט אונז העלפן.

**אַ** קנעכט ווייסט איין זאַך, אַז אויב ער וויל אַרויסגיין פון דעם אדון'ס רשות, דאַרף ער האָבן אַ שטר שחרור פונעם בעל הבית, אויב ער וועט נישט האָבן אַזאַ שטר, וועט ער אייביג בלייבן אַן עבד. דאָס איז די כוונה פון פסוק: "הנה כעיני עבדים אל יד אדוניהם", וואָס זיי ווייסן אַז נאָר זייער האַר קען זיי אַרויסלאָזן פריי, "כן עינינו אל ה' אלקינו עד שיחנינו", אַזוי ווייסן מיר אַז נאָר אויב

די חז"ל זאָגן אויפ'ן פסוק (יד, י) "ויצעקו בני ישראל אל ה'", די אידן האָבן געשריגן צו דעם אויבערשטען, "תפסו אומנות אבותם". זיי מיר וועלן דאַווענען צו דעם אויבערשטען, וועט ער אונז העלפן. אָן דאַווענען, קען דער מענטש גאָרנישט באַקומען.

---

**י.** דער פסוק זאָגט (תהלים קיא, ד) "זכר עשה לנפלאותיו, חנון ורחום ה'". וואָס איז דער קשר פון די רישא פון פסוק, "זכר עשה לנפלאותיו", דער אויבערשטער האָט מאַכט אַ זכר פאַר זיינע נפלאות, צו "חנון ורחום ה'"?

אין בריסק האָט געוואוינט אַ בעל הבית'ישער איד, אַ ת"ח ונשוא פנים, מיט'ן נאָמען ר' ישראל ניסנשטראַק. האָט זיך געמאַכט אַז זיין געשעפט האָט דערגרייכט אַ מצב פון באַנקראָט, און ער האָט זיך גענויטיגט אין אַ הלוואה פון דריי טויזענט רובעל, זיך צוריקצושטעלן אויף די פיס און ראַטעווען זיין געשעפט.

איז ער געפאָהרן קיין לאָנדאָן אַ וועג פון דריי מאָנאַטן, צום באַראָן ראָטשילד, קלערנדיג אַז ביים באַראָן וועט ער האָפענטליך קענען באַקומען אַ הלוואה. לצרכי הנסיעה, האָט ער פאַרקויפט חפצים פון שטוב, און פאַר'ן געלט האָט ער געהאַט אַ העלפט פאַר צרכי הנסיעה, און אַ העלפט האָט ער איבערגעלאָזט פאַר זיינע בני בית און די קינדער.

אָנקומענדיג קיין לאָנדאָן, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט וואו מ'קען אַריינקומען צום באַראָן ראָטשילד, און מ'האָט איהם געזאָגט אַ צייט ווען דער באַראָן זיצט אין אַ זאַל, דינסטאָג נאָכמיטאָג. אָנקומענדיג אַהין, האָט ער געזעהן אַ רייע פון אַ פּאָר הונדערט אידן וואָס ווילן באַקומען אַ נדבה, און ביים טיש זיצן צוויי פקידים וואָס אַרבעטן פאַר דעם באַראָן, און יעדער איינער באַקומט אַ פונט אָדער צוויי... איז ער געוואָרן פאַרלוירן, דאָ איז ער געקומען פון בריסק קיין לאָנדאָן צו באַקומען אַ הלוואה פון דריי טויזענט רובעל, און דאָ באַקומט מען סך הכל אַ פונט אָדער צוויי!

אַ פאַר'דאגה'טער, האָט ר' ישראל זיך אַוועקגעזעצט אין אַ זייט און זיינע אויגן האָבן איהם געשטיקט פון טרערן. די צוויי באַאַמטע פונעם באַראָן האָבן דערקענט אויף איהם אַז ער איז אַ נשוא פנים, אַ חשוב'ער איד, האָבן זיי איהם געפרעגט פאַרוואָס ער זיצט אַזוי פאַר'דאגה'ט און פאַרוויינט. האָט ער זיי דערציילט זיין געשיכטע, אַז ער וואוינט אין בריסק און האַלט ביים אָנזעצן דאָס געשעפט, און איז געקומען בעטן אַ הלוואה פון דריי טויזענט רובעל ביים באַראָן ראָטשילד, אָבער דאָ זעהט ער גאָר אַז מען טיילט גאָר פונטן...

האָבן די צוויי פקידים איהם געזאָגט, אַז זיי קענען נישט געבן מער ווי אַ פונט אָדער צוויי, ווייל זיי אַרבעטן דאָך פאַר'ן באַראָן, אָבער זיי וועלן איהם געבן אַן עצה: דער באַראָן קומט אַריין יעדע וואָך פרייטאָג נאָכמיטאָג, נאָכ'ן פאַרמאַכן דאָס געשעפט, אין דעם צדקה אָפיס, צו זען ווי עס האַלט מיט די חשבונות. דעריבער האָבן זיי פאָרגעשלאָגן פאַר ר' ישראל ניסן, אַז ווען דער באַראָן וועט קומען פרייטאָג, וועלן זיי פרובן אז ער זאָל זיך מיט איהם טרעפן, "אולי ירחם"...

ר' ישראל האָט אַזוי געטוהן. פרייטאָג נאָכמיטאָג איז ער אָנגעקומען צום אָרט וואו מ'האָט דינסטאָג געטיילט די צדקה, און געוואַרט אויפ'ן באַראָן. ווען דער באַראָן איז אַריינגעקומען, האָבן זיי זיך צעשמועסט, און דער באַראָן האָט איהם געפרעגט ווי ער פלאַנט צו עסן דעם שבת, נאָכן זיך פאַרענטפערן אַז ער ווייסט נאָכנישט, האָט ער איינגעלאַדנט ר' ישראל צו עסן ביי איהם אַלס גאַסט ביי די שבת'דיגע סעודות. ר' ישראל האָט שוין געזעהן דאָ אַן "אתחלתא דגאולה", אַז דער באַראָן אַליין לאַדנט איהם איין אויף שבת!

פרייטאָג צו נאַכט ביי די סעודה, האָט ר' ישראל געזאָגט דברי תורה בדרוש ובאגדה, און געזונגען אַ

האָבן אָנגעכאַפּט די פּאַך פון זייערע עלטערן. עס סטאָלער, צו אַ שוסטער, וכדומה. אָבער אונזערע
זענען דאָ מענטשן, וואָס זייער פּאָטער איז אַ אבות האָבן אַן אַנדערע אומנות: תפלה. זיי האָבן

---

קה רבון מיט אַ קה אכסוף ביז נאָך האַלבע נאַכט. דאָס זעלבע איז געווען בצפרא דשבתא, שבת אינדערפרי, און ביי שלש סעודות. ר' ישראל האָט זעהר זיס געמאַכט דעם שבת פאַר דעם באַראָן. ביי רעוא דרעוין, האָט דער באַראָן געזאָגט צו ר' ישראל, ער זאָל אַריינקומען צו איהם נאָך הבדלה.

נאָך הבדלה, האָט דער באַראָן געפרעגט ר' ישראל די סיבה פון זיין קומען אַהער. האָט ער איהם דערציילט זיין ביטערע לאַגע, אַז זיין געשעפט האַלט ביי באַנקראָט ח"ו, און ער נויטיגט זיך דרינגענד אין אַ הלוואה. "איך בין אויך אַמאָהל געווען אַ גביר, געהאַט אַ סאַך געלט, אָבער ליידער נהפך עלי הגלגל ל"ע, און איך דאַרף האָבן אַ הלואה פון דריי טויזענט רובעל".

האָט דער באַראָן איהם געפרעגט: "וויפיל ביזטו ווערד געווען אין דיין בעסטן מצב?". האָט ר' ישראל געענטפערט, אַז אין זיין בעסטע לאַגע איז ער ווערד געווען צעהן טויזענט רובעל. דער באַראָן האָט איהם געהייסן צוואוואַרטן, ער איז אַריין אין זיין צימער, און אַרויסגעברענגט צען טויזענט "פריש אויסגעפּרעסטע" רובל... דערנאָך האָט דער באַראָן גענומען אַ פעדער מיט אַ פּאַפּיר, און אויפגעשריבן די ווערטער "באַראָן אַנשיל ראָטשילד, לאָנדאָן יצ"ו", און צוגעלייגט דעם אַדרעס וואו ער וואוינט. ער האָט געגעבן פאַר ר' ישראל ניסנשטראָק דאָס געלט מיט'ן פּאַפּיר דערויף.

אַ דערשטוינטער פון דער גרויסער הלוואה וואָס ער האט דאָ באַקומען פונעם באַראָן ראָטשילד, האָט ער געפרעגט דעם באַראָן, וואו ער נעמט אַזאַ ברייטהאַרציגקייט, איהם צו געבן אַזוי פיל געלט, צען טויזענט רובעל? אָבער מילא - זאָגט ר' ישראל - דאָס קען איך נאָך פאַרשטיין, ווייל דו ביזט אַ נדיב לב, אָבער וואָס איז געווען אייער כוונה מיט'ן צעטל וואו איר האָט אויפגעשריבן אייער נאָמען און אַדרעס? צי דאַרפט איר דען האָבן אַ דאנק בריוול פון מיר, אַן איינפאַכער שנאָרער?

האָט דער באַראָן איהם געענטפערט ווי פאָלגענד:

- ווען דו ביזט געקומען צו פאָרן קיין לאָנדאָן, האָסטו באַצאָהלט אַ בילעט אויף די שיף פאַר איין מענטש - פאַר זיך אַליין. אָבער באמת זענען געפאָרן צוויי אויף דער שיף... איינער ביזטו, און דער צווייטער, איז דיין שלימזל... פאַרוואָס ביזטו דען געוואָרן אַ יורד? ווייל דער שלימזל לויפט דיר נאָך. אַלזאָ, דער שלימזל איז געקומען דאָ אַהער מיט דיר, און איך האָב זעהר מורא, אַז ער פאָהרט צוריק מיט דיר... דאַן ווערן דאָך די צעהן טויזענט רובעל וואָס איך האָב דיר געגעבן, אויך גיין לטמיון ח"ו, און דו וועסט נאָך אַמאָהל דאַרפן קומען אַהער נאָך געלט. אַזוי וועט נישט נעמען אַ סוף צו דער גאנצער מעשה. וועגן דעם האָב איך דיר אויפגעשריבן מיין אַדרעס, און איך קען דיך שוין אַלס אַן אָרענטליכער מענטש, אַ יודע ספר, אַז דו וועסט אַמאָהל דאַרפן צעהן טויזענט רובעל, איז אנשטאט צו דאַרפן קומען צו פאָרן קיין לאָנדאָן, קענסטו מיר אַריינשיקן אַ בריוו, און איך וועל דיר שיקן נאכאמאהל צעהן טויזענט רובעל...

דער לימוד פון דער מעשה איז, דער בורא כל עולמים זאָגט אונז, איך האָב געגעבן צעהן מכות פאַר די מצריים, און ביי קריעת ים סוף האָב איך געטוהן מיט די אידן ניסים ונפלאות, אבער איך וויל אַז איר זאָלט געדענקען דעם "אַדרעס".

דאָס איז די כוונה פון פסוק: "זכר עשה לנפלאותיו", אָבער עס איז דאָ איין אַדרעס וועמען צו לויבן דערפאַר: "חנון ורחום ה'" - דער דערבאַרימדיגער באַשעפער האָט געטוהן מיט אונז די ניסים, און דאָס דאַרפן מיר דערמאנען צוויי מאָהל אַ טאָג. ווייסטו פאַרוואס, כדי מיר זאלן זיך פאַרשרייבן דעם "אַדרעס" פון דעם בעל הנס, וואָס ער טוט מיט אונז אַלע נסים אין יעדע צייט.

מתפלל געווען צו דעם אויבערשטען, און די דאָזיגע אומנות האָבן די אידן אָנגענומען ווען דער ים האָט זיך געשפּאָלטן.

**ויבאו מרתה - אפילו ווען עס זעהט אויס ביטער, דאַרף מען וויסן אַז דער רבש"ע מאַכט זיס**

**הרה"ק** רבי יחזקאל'ע קוזמירער זי"ע האָט געטייטשט דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (טו, כג) "ויבאו מרתה, ולא יכלו לשתות מים ממרה, כי מרים הם, על כן קרא שמה מרה". די אידן זענען אָנגעקומען אין מרה, און האָבן נישט געקענט טרינקען פונעם וואַסער ווייל עס איז געווען ביטער, וועגן דעם האָט ער גערופן דעם אָרט "מרה".

**איז** שווער, דאָרט האָט דאָך פּאַסירט אַ נס, "ויורהו ה' עץ וישלך אל המים, וימתקו המים". דער אויבערשטער האָט אָנגעוויזן פאַר משה רבינו ע"ה אַ בוים, און ער האָט אַריינגעוואָרפן דאָס האָלץ אין וואַסער, און דאָס וואַסער איז געוואָרן זיס. אויב אַזוי, וואָלט דאָס אָרט נישט געדאַרפט הייסן "מרה", נאָר "מתוקה", אויפ'ן נאָמען פון דעם נס, וואָס דער ביטערער האָלץ און דאָס וואַסער זענען געוואָרן זיס, ווי די חז"ל זאָגן "המתיק מר במר"?

**זאָגט** רבי יחזקאל'ע קוזמירער, אַז דער נס איז געווען וואָס דאָס האָלץ איז געווען ביטער, און פונדעסטוועגן האָט עס זיס געמאַכט דאָס וואַסער. "להורות לדורות", דאָס קומט צו לערנען פאַר די קומענדיגע דורות, אַז אויב אַ מענטש זעהט ח"ו נישט קיין אויסוועג פאַר אַ ישועה. ער טוט אַזוי פיל השתדלות, אָבער עס גייט נישט... זאָגט דער אויבערשטער: איך קען זיס מאַכן ביטערע זאַכן, אויך מיט ביטערע זאַכן... מיט'ן "מר" קען איך ממתיק זיין אַ צווייטן "מר". אויב אַזוי, טאָר דער מענטש נישט זאָגן אַז עס איז ח"ו נישטאָ קיין עצה פאַר אַ ישועה, ווייל מ'זעהט דאָך אַז דער בורא כל עולמים קען ממתיק זיין אפילו "מר במר".

**צוליב** דעם האָט משה גערופן דאָס אָרט "מרה" - ביטער, אונז צו לערנען אַז מיר זאָלן געדענקען אַז מיר דאַרפן נישט געבן דעם אויבערשטען קיין עצות ווי אַזוי זיס צו מאַכן אונזער לעבן[יא].

---

**יא.** עס ווערט געברענגט אין ספה"ק "שפת אמת" (פון הרה"ק רבי פייבוש ברעזשאַנער זצ"ל), אַז אַ גביר וואָס האָט נישט געהאַט קיין קינדער ל"ע, האָט געשיקט זיין פרוי צו הרה"ק רבי מאיר'ל פרעמישלאַנער זי"ע, און איר באַפוילן איבערצוגעבן פאַר'ן רבי'ן, אַז ער איז גרייט מוותר צו זיין אויף זיין עשירות, כדי זוכה צו זיין צו אַ בן זכר.

אַריינקומענדיג צו רבי מאיר'ל פרעמישלאַנער, האָט די פרוי, אַ דערשראָקענע פון רבינ'ס הייליגע צורה, געזאָגט דעם רבי'ן ר' מאיר'לען:

- מיין מאַן זאָגט, אַז ער איז גרייט צו זיין אַן עושר, אַבי ער זאָל זוכה זיין צו אַ בן זכר!

האָט ר' מאיר'ל איר געזאָגט:

"פיין פיין האָסטו געזאָגט" - דיין מאַן איז אַ טיפש! דער בורא כל עולמים דאַרף דען מאַכן אַ "קנין חליפין" מיט דיין מאַן? ער קען דאָך איהם געבן עשירות, און אויך קינדער! מען דאַרף נישט מוותר זיין און מאַכן אַ "בייט" מיט'ן באַשעפער, אַז ער וועט איהם צוריקגעבן זיין עשירות און דער באַשעפער זאָל איהם געבן אַ קינד. ביים בורא כל עולמים, קען מען אַלעס פועל'ן, און דערפאַר האָסטו גוט געזאָגט - האָט רבי מאיר'ל געזאָגט צו די פרוי - אַז דיין מאַן איז גרייט צו זיין אַן עושר אַבי ער זאָל האָבן אַ בן זכר.

דער ברעזשאַנער רב איז מוסיף אויף דעם אין "שפת אמת", אַז דאָס איז די כוונה פון פסוק (כה, יא)

**אַזוי** שטייט אויך אין פסוק ביי קריעת ים סוף (טו, ט), "אמר אויב ארדוף אשיג אחלק שלל", פרעה איז נאָכגעלאָפן די אידן ביז'ן ים, און דאַן "נשפת ברוחך כסמו ים" - די מצריים זענען אַריינגעפאַלן אין ים. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער נישט געברענגט די מפלה אויף פרעה פריהער, די אידן האָבן דאָך געשריגן, זיי האָבן תשובה געטוהן, ווי דער פסוק זאָגט "ויצעקו בני ישראל אל ה'", זיי האָבן געשריגן צו דעם אויבערשטען. פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער נישט געמאַכט אַ נס אַז פרעה זאָל אַפילו נישט נאָכיאָגן די אידן?

**איז** דער תירוץ, אַז דער אויבערשטער האָט געוואָלט ווייזן, אַז ער דאַרף נישט פון קיינעם קיין עצות ווי אַזוי אָפּצוהאַלטן פרעה און ברענגען אויף איהם אַ מפלה. פרעה זאָל נאָכלויפן די אידן ביז'ן ים אַריין, "ואכבדה בפרעה ובכל חילו", און דאָרט וועט ערליידן אַ מפלה, און די אידן וועלן האָבן אַ ישועה[יג].

---

"ויעתר יצחק לה'", זאָגן די חז"ל, "ששפך תפילות בעושר", אַז יצחק האָט אויסגעגאָסן תפלות מיט אַ רייכטום. זאָגט דער "שפת אמת", ווייל יצחק אבינו ע"ה איז דאָך געווען אַן עושר, ווי די חז"ל זאָגן, אַז מענטשן האָבן געזאָגט (ב"ר פס"ד, ז) "זבל פרדותיו של יצחק ולא כספו וזהבו של אבימלך", זיי ווילן ענדערש די מיסט פון יצחק אבינו'ס פעלדער, ווי איידער די גאָלד און זילבער פון אבימלך. ווען יצחק האָט געוואַרט אויף קינדער, האָט ער מתפלל געווען אויף אַן אופן פון "שפך תפילות בעושר" - עס זאָל בלייבן ביי איהם דאָס עשירות, און ער זאָל אויך האָבן אַ קינד.

מיט'ן רבונו של עולם דאַרף מען נישט מאַכן "בייטערייען", נאָר אַז מען גייט צו מיט די ריכטיגע אמונה, מען דאַווענט ווי געהעריג אויף די ישועה, העלפט דער אויבערשטער אַז מ'זאָל האָבןביידע זאַכן.

**יב.** הרה"ק בעל "אמרי חיים" זצ"ל פון וויזניץ האָט געזאָגט אויף די ווערטער פון די חז"ל (פסחים צט:) "מאן לימא לן דמתרצתא, דילמא משבשתא". "מאן" איז ראשי תיבות א'ל מ'לך נ'אמן. אויב אַ איד לעבט מיט'ן "א-ל מלך נאמן", דאַן איז "מתרצתא", האָט ער אויף יעדע זאַך אַ תירוץ. אָבער אויב ער גייט צו מיט אַ "דילמא", ער האָט ספיקות און פרעגט קשיות, "משבשתא" - איז עס אַ סימן אַז ער איז "משובש", צעטומלט.

דער לימוד דערפון: אויב אַ איד ווייסט שטענדיג אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, איז אַלעס פאַרענטפערט ("מתרצתא"), אָבער אויב ער האָט "ספיקות", ער פרעגט קשיות, איז ער פאַרגרייזט ("משבשתא").